## ישראל 21 יאר

ניט ווערטער, ניט טענות,
ניט טרויער געזאַנגען,
צו פיל שוין גערעדט,
און געוויינט לאַנגער צייט,
אַצינד דאַרפן מיר מעשים
גבורים און העלדן,
וואָס זיינען צו קעמפפן,
און שטאַרבן באַרייט.

דער טאָג איז געקומען,
פון דורות געביינקטער,
די טויערן געעפנט,
פאַר יונג און פאַר אַלט.

ישראל דאַרף יידן,
וואָס שאַפן און בויען,
דאָס פאָלק צו באַפרייען,
פון איר גלות געשטאַלט.

ישראל דאַרף אידן,
זי קען לאַנג ניט וואַרטן,
דער שונא איז מעכטיק,
דער שונא איז שלעכט,
אויב מיר וועלן ניט האַלטן,
וואָס מיר האָבן דערוואָרבן,
צו האָפן פאַר שפּעטער,
מיר פאַרלירן דאָס רעכט.

יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און יידישער זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין

---

## טרויער אקאדעמיע צום אנדענק פון
## שמואל י. הארענדארף ז״ל
## ד״ר ל. זעלמאנאוויטש ז״ל

**זונטיק, דעם 15־טן יוני, 1969, פונקט 3 א זייגער**

**אין**

**21 DEAN STREET, LONDON, W.1**

**רעדנער:**

שמואל גאלדשמידט ד״ר ע. מאדאנעס
מאיר צעלניקער

יוליאן גאלד וועט פארלייענען פון דער פיעסע
„דער קעניג פון לאמפעדוסע״ פון ש. י. הארענדארף
דער באַרימטער דיכטער פון ישראל אריה שמרי וועט זיין אויף דער פאַרזאַמלונג.

פארזיצער: יוסף פרענקעל

---

איינטריט פריי קומט אין צייט

**דער שרייבער מ ש ה ב ע ק ע ר מ א ן איז געוואָרן אַ בן שמונים מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך געזונטע און גוטע יאָרן — עד מאה ועשרים.**

**א י י ז י ק ג אָ ל ד ב ע ר ג א ו ן פ ר ו י אַ האַרציקן מזל טוב צו זייער גאָלדענער חתונה — אי״ה, די דימאַנטענע!**

„פריינט פון יידיש לשון״



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7 (העפט 451) דרייסיקסטע יאר יולי 1969, לאנדאן

א י נ ה א ל ט :


איכה, גאלדע מאיר, ירושלים — ** 3
דער לעצטער פעלץ (דערציילונג) — יוסף ה. באסט 5
אסיסי (פאעמע) — יוסף לעפטוויטש 8
דער אידעאל פון תורת משה (עסיי) — י. ריכטיגער 8
פופציק יאר (ליד) — אייזיק גאלדבערג 12
יום־העצמאות — ח. נ. בענקאוויטש 12
תמוז־טאג, זיך ארויסגעפלאנטערט (ליד און פראזע) — א. נ. שטענצל 13


---

## קדוש לבנה מנחם־אב תשכ״ט

האבן נישט מאמעס אונז שוין צוגעזאגט,
ס׳שטערצל פון הימל אראפצובערענגען?
נישט ראקעטס, נישט טעלערס טויט־באצילך,
איבער מענטשלעכע קעפ לבנה הענגען.

נישט איבער־מענטש איינער איבער צווייטן,
אלץ וואס געחלומט, וואס מוחות דערגרייכן —
„כשם שאני רוקד כנגדך״,
ווי ג אט, מיט ראקעטס הערשן פון די הייכן?

„שלום עליכם, עליכם שלום״!
קדוש־לבנה אותיות געשריבן ווערטער,
אז קיין פגם ס׳זאל חלילה נישט געשען,
די ערד — א טעלער אן איבערגעקערטער.

---


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*

יידישער זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין אין ענגלאנד
לאנדאן, 1969.6.30

„אונזערווארט“, פאריז.

געערטער ה׳ רעדאקטאר,

מיר האבן געלייענט אין „אונזער ווארט“ פון 17טן יוני, 1969, אן ארטיקל „שמואל יעקב הארענדארף — צו זיינע שלושים“ פון „א. האלפערין, לאנדאן“. מיר דערקלערן אז אזא נאמען איז נישט באקאנט אין לאנדאן און אז אונטער „א. האלפערין“ באהאלט זיך אן אומפאראנטווארטלעכער מענטש.

מיר באדויערן וואס דער דאזיקער בייזוויליקער ארטיקל איז פארעפנטלעכט געווארן, היות ער גיט א פאלש בילד פונעם נפטר און פארפירט די לייענער. שמואל יעקב הארענדארף ז״ל איז געווען א טיכטיקער און דערפאלגרייכער זשורנאליסט, וועלכער האט געמאכט א וויכטיקן ביישטייער צו דער יידישער פרעסע פון אונזער דור. ער איז געווען יארנלאנג דער וויצע־פארזיצער פון יידישן זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין אין ענגלאנד, וועלכער האט באערט זיין אנדענק אויף א ספעציעלער טרויער־פארזאמלונג. אויך זיין פרוי איז ביי אונז אלעמען אנגעלייגט און באליבט. מיט אכטונג

ש. גאלדשמידט, י. זאנטאג, מ. זילבערבערג, י. א. ליסקי, י. לעפטוויטש,
י. ל. פיין, י פרענקעל, י. צאנג, א. נ. שטענצל.

„יוגנטרוף“: טרויעריקע גרוסן קומען איצט אן פון ארגענטינע: יידיש ווערט ארויסגעשטויסן פון די דארטיקע יידישע שולען. ביז איצט האט מען עס געטאן כמעט שטילערהייט, האלב אפיציעל; אצינד „אין מיטן העלן טאג“.

---

## א תחינה אויף מאמע לשון

ווי ווען קינדער הרגענען אן אייגענע מאמע,
זי שעלט זיי נישט — קען א מאמע קינדער פארשעלטען ?
אבער זיי בלייבן פארשאלטן פון בײדע וועלטן.

ווי פארשטעלט ווי כיטרע זיי זאלנס נישט מאכן,
קומט עס דאך ארויסעט ווי בוימאייל אויפן וואסער — —
קאן א מאמע נקמה נעמען, זיין א האסער ?

אליין זיך גופא זיי פרעסן זיך אויף פון חרפה !
די חרפה פון דער וועלט, פון די מענטשן זיי זענען —
קין־צייכנס אויף די שטערנס זייערע ברענען.

---

## משה בעקערמאן ע״ה

נאך א שווערער קראנקייט איז געשטארבן דער שרייבער משה בעקערמאן. מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו זיינע קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך.

**לשון און לעבן**

אן אפהאנדלונג איבערן נפטר, אין קומענדיקן נומער.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7 (העפט 451) דרייסיקסטע יאר יולי 1969, לאנדאן

## א י כ ה ?...

צו איכה, צו קינות תשעה באב,
וואס געמיינט די שטעכער אין די בערד,
וואס מיר קינדער האבן געווארפן ?
„צו קלאגן און צו וויינען אויפהערט,
ס׳קאן אייך העלפן — א טויטן ביינקעס,
אין די הענט גענומען ביקס און שווערט.“

און אצינדער, אז שוין גענומען,
און דאס שיסן כסדר מען הערט,
ווי וויינט עס, ווי קלאגט עס טיף אין הארץ,
ווי ווערט עס פון שטילן צער פארצערט :
„מיינט גאולה, פעלקער דערלייזונג,
אז איינס׳צווייטע מארדן נישט אויפהערט ?“

„פון אלע חלומות, האפנונגען,
דאס־א וואס דעם מענטשן ס׳איז באשערט ?
און אנאויפהער ציען עס וועט זיך,
פון דור צו דור ס׳מארדן־זיך נאר מערט — —
איכה, ווי אזוי איז דאס מעגלעך“ ?
קלאגט א קינה איבער גאנצער ערד.

## ג א ל ד ע  מ א י ר  א ו ן  ד י  פ י ר  ג ר ו י ס ע

פון די דבורה, פון די יהודית,
ביז די גאלדע איצט—ס׳איז פאלג מיך א גאנג !
אויב מיט געשליפענער שווערד די צווייטע,
די ערשטע מיט געשליפענעם געזאנג,
די דריטע שוין - - מיט פאראשוט און מיט טאנק.

ס׳שטייט טאקע „לא בחיל ולא בכוח“,
בלויז אן אשת־חיל דערלויבט זיך אלץ !
פאר א יידינע א קאזאק, אויב נישט,
דיינינג סטריט 10 — אין קרעמל יעדן פאלס,
כאפט נישט איינעם דער רוח און שרייט אויפן האלדז :

„כי אם ברוחי אמר השם״!
אמת ויציב, ס׳שטייט טאקע אזוי,
נאר אויב האליפארנעס, אויב סיסרא,
באזיגט זיינען געווארן דורך א פרוי,
פארוואס נישט איצט נאך אנאנדערע ימח שמו.

און וואס עפעס נאר דבורה, יהודית,
אונזער אסתרקע המלכה ווו איז?
המן הרשע מיט זיינע בנים . . .
עס ציט זיך דאך שוין אזוילאנג אזש ביז,
ביז צו יענע ויזתא־נאז אין פאריז.

און ס׳אפגעבליאקעווטע „ווייסע הויז״,
איז א „ביזנעס״ בלויז איר גרויס פאליטיק,
אז ירושלים ביי איר יענס קינד,
צאפלדיק צוצעשניידן אויף צוויי שטיק,
ווי געוואלט יענע פאלטשע מאמע—דער סמיק!

די אמתע מוטער — אם בישראל,
פאר גאנץ ירושלים נייגט איר קאפ;
א חנה נאך די זיבן זין אירע,
ווארפט זיך מוטיק פון דער מויער אראפ,
א געטובלטע אין יעטוועדן בלוט טראפ —

א שטיין אויף א שטיין געלייגט די מויער,
א פאלק צווישן פעלקער צו קענען שטיין!
און אז מוזן פאלן, נישט שפלדיק,
פון א שטאפל א העכסטן עס זאל זיין - -
צומאל פון גלות געטריבן ווו איצט גיין?

שעמען מעגט איר זיך, מעכטיקע, גרויסע,
אז שטארקער איר ווען זיין איז קייגן ווער?
קייגן א שוואכע קיום באשיצטע פרוי?
אמת, ווער „כי אם ברוחי - -״ אבער
מיר וועלנס אייך נישט מאכן אזוי באקוועם.

## ירושלים של מעלה

אויב אין א ירושלים של מעלה,
טויזנטער יארן אזא טיפער גלויבן;
אזא ליכטיקייט אין חושכדיקסטן הארץ,
א שטיל־תחינהדיק, א תפילהדיק לויבן;

ווי דערנידריקט, ווי שפלדיק דערשלאגן,
ווארקעט דאך דער חלום פון שכינה־טויבן,



הימליש־צעפלאטערט איבער אונזערע קעפ - -
מוז דאך פארט ווו פארהאגנען זיין אן אויבן!

ווי בלינד מיר טאפן זיך נישט ביי דער כותל,
אבער זע, ס׳הארץ ווי זעעוודיק דערהויבן;
פון מזרח און מערב, צפון און דרום,
פון עק וועלט אזא זיך צוזאמענקלויבן.

אונטער גלגלתא־בערג קייקלדיקע קעפ,
טליען אויף די אויגן פון די אש־שטויבן;
אלץ, אלץ, אונזער האב און גוטס, לייב און לעבן,
אבער נישט דאס מ׳קאן קיינמאל אוועקרויבן.

פון די קברים לעבעדיק פארשאטענע,
הענט של־מעלהדיק אלץ העכער זיך הויבן,
זייערע קנאכיקע פינגער אלץ העכער,
קלאפן שוידערדיק אין די „הימל־שויבן״:

שטעטלעך ביזגעלע צום כסא הכבוד,
אויב נישט נאך העכער, הימליש אויפגעהויבן,
פארוואס נישט אצינד, דאס מלכות ש די,
אויף אונזער ערד אראפברענגען זיך דערלויבן.

אויב נישט ווי מיין טאטע און ווי מיין מאמע,
ממעמקימדיק, תמימותדיק כ׳קען גלויבן,
מיט ווייאיק־מבושימדיקע ווערטער כאטש,
מיט „שכינתא־בגלותא־צער מיך באטויבן.

יוסף ד. באָסט.

## דער לעצטער פעלץ

א שארף געפיל פון נאסער קעלט האט אים אויפגעוועקט פון חלשות. ער האט מיט א יאמערקרעכץ זיך אויפגעהויבן—א צעווייטיקטער און פארבלוטיקטער—פונעם פארשנייטן באן־אויפשיט. א האפטיקער בלוט צופלוס האט אויפגעהייטערט זיינע פארדאמפטע געהירן און ס׳האט אין זיי אויפגעבליצט די גאר וואס דורכגעלעבטע סצענע: לייבער צעניגעפרעסטע אין שמאלן וואגאן, אנגעבויגן איבערן זיך שווארצנדיקן לאך אינעם העלצערנעם באדן, יענעם לאך, וואס האט גלייכצייטיק אפגעשטויסן און גערופן, שרעקנדיק מיטן טויט און צוזאגנדיג פרייהייט ... דעצידירט האט זיך געראדע ער, דער דארסטער און שוואכסטער. ער איז דורך ברידערליך פאראייניקטע הענט אויפגעהויבן געווארן איבער אלעמענס קעפ, דערנאך אראפגעלאזט און אריינגעשטופט אין ענגן לאך אריין, צום גהנום פון קלינגענדיקן אייזן־געקלאפ —

ער האט זיך ארומגעקוקט: פונעם זשאווערדיקן זונפארגאנג האט זיך

איבער דער גרויער ערד אראפגעלאזט א פריער ווינטער־אוונד. ער האט אן וואקלעניש אויסגעקליבן דעם וועג פארויס, אין דער ריכטונג ווו עס איז פארשווונדן דער אומקום־צוג. ווייל דער וועג צוריק וואלט געפירט צו די, וואס האבן אים אריינגעברענגט אין וואגאן. און קיין אנדערער וועג, אויסער פארויס אדער צוריק, האט אין דער פארוייטער גרויקייט פוןביידע זייטן באן־ליניע ניט עגזיסטירט.

ער איז אפגעגאנגען ניט מער ווי דרייסיק טריט, ווען פון דער צופאלנ־דיקער פינצטערניש האט ארויסגעטוקט א ריזיקער צעוואקלטער סילועט און מיט צוויי מינוט שפעטער האט זיך א באהארטע לאפע שווער ארויפגעלייגט אויף אברמלס אקסל. זי האט געהערט צום הויפט־שיכור פון דארף זאוואדקי, דעם גנב פאוועל דריבלאס. „וווהין, זשידקו?". ניט באקומען קיין ענטווער, האט ער אים אויפמערקזאם באקוקט. „א פארבלוטיקטער, צעמימיתטער... אך!—ער האט זיך א קלאפ געטאן אין שטערן.—מ'האט היינט אוועקגעשיקט א צוג מיט זשידקעס קיין אשוויענטשים. האט זיך אפגעריסן? זאג!". „יא". „פיינא! קומזשע אין געסטאפא". און ער האט אים פארקערעוועט אויף צוריק.

„פונדעסטוועגן", האט ער ארויסגעמורטלט נאך עטליכע טריט, „איז א שאד דיך איבערגעבן צו די שקאפעס א באלאדענעם. גיב אהער אלץ וואס ד' האסט, דו הערסט?! ווייל איך שלאג דיך אויף טויט." ס'איז אים אבער געקומען אויפן געדאנק, אז דראען מיט טויט א מענטשן וועלכן מען פירט צום טויט, האט ניט קיין טעם. האט ער זיך אפגעשטעלט, באזוכט און באטאפט זארגפעלטיק זיין קרבן, אים אפילו אויפגעריסן דאס מויל, אבער גארנישט געפונען. „א ייד און פארמאגט גארניט, אבער אין גאנצן גארניט!", האט ער אויסגערופן א געערגעטער. „זאג, זשידקו, מיט וואס האסטו געהאנדלט?". „כ'האב ניט געהאנדלט, כ'האב גענייט". „וואס האסטו גענייט?". „פעלצן. כ'בין א קושניר."

דער שיכור האט זיך פארטראכט. מיט א קורצער צייט צוריק, בעת אן „אקציע", האט דער סאלטיס פון זאוואדקי אפגענומען ביי א אידישן קושניר זיין מאשין. זאוואדקי איז א דארף רייך אין שאף און ס'פעלן דארט ניט קיין פעלעכלעך. און אט קאן ער, דריבלאס, צושטעלן פארן דארף א פאכמאן. פון דארף וועט ער, א פנים, באקומען פאר אים מער ווי פון געסטאפא. „קום", האט ער געזאגט. „אין דארף אריין צוריק!".

דער סאלטיס האט אויפגענומען אברמלן מיט כבוד. ער האט אים איבער־געגעבן צו זיין ווייב, זי זאל אים ארומוואשן, אנזעטיקן און לייגן שלאפן. „און איך?", פרעגט דריבלאס. „דיך וועל איך באפרידיקן. וועסט באקומען א פעלץ". „נאר דאס?...". „וואס, ס'איז דיר ווינציק? און דיין לעצט שטיקל ארבעט ביי די גאנטארסקיס געדענקסטו. מ'האט ביי דיר גאר אפגענומען דאס גוטס און דיך געלאזט אויף דער פריי, ווייל דאס האט געפאדערט די, וואס האט דיך אויסגעגעבן (קאנס זי זוכן אויב דו ווילסט, זי איז שוין אין דייטשלאנד). איז אויב ס'איז דיר ניט גענוג א פעלץ פון א שעפס, קאנסטו



נאך אלץ צוגאב באקומען ... קאזע. „דריבלאס האט זיך באנוגנט מיטן צוגעזאגטן פעלץ.

פאר אברמלן האט מען ביים סאלטיס אויסגערייניגט דעם גרויסן קעלער. דארט האט ער געוווינט און דארט גענייט פעלצן פון די אים צוגעשטעלטע גארבירטע פעלן לויט דער מאס וואס די סאלטיסאווע האט גענומען פון די קליענטן. דאס געלד פאר דער ארבעט האט געקריגן, פארשטייט זיך, דער סאלטיס. באשלאסן האט מען, אז ווען דער אפגעראטעוועטער זשידאק וועט אויפנייען פעלצן פארן גאנצן דארף (דעם לעצטן פעלץ האט געזאלט בחינם באקומען פאוועל דריבלאס), וועט מען אים אויסליפערן פאר אן אפצאל דער געסטאפא. דער פלאן איז אבער אויסגעפירט געווארן מיט אן אומדערווארטער ענדערונג. אט וואס עס איז געשען:

אין א געוויסן פאר־פרילינג אוונד האט דער סאלטיס געהאט ביי זיך געסט און ווען זיי זענען זיך צעפארן, איז נאר פארבליבן אן אלטער קומפעל זיינער, מיט וועלכן ער האט זיך געזעצט שפילן אין קארטן. במשך אנדער־האלבן שעה האט דער סאלטיס פארשפילט דאס גאנצע געלד וואס ער האט געהאט אין שטוב און פארגעלייגט דעם פארטנער צו שפילן ווייטער אויף בארג. יענער האט אבער אפגעזאגט: „געלד אויפן טיש, אדער איך שפיל ניט מער". „געלד?", האט דער סאלטיס א צעקאכטער איבערגעחזרט, „באלד וועט זיין געלד". ער האט געהייסן שפאנען די בריטשקע, ארויסגעשלעפט פון קעלער אברמלען, וועלכער האט זיך געראדע געקליבן צעשניידן די פעל (פאר דריבלאסעס פעלץ), אים אפגעפירט אין געסטאפא, זיך אומגעקערט צום קומפעל און א טראסק געטאן פאר אים אויפן טיש מיט די באקומענע פויטיקע. „אט איז געלד", האט ער געזאגט.

אויף צו מארגנס האט דריבלאס באזוכט דעם סאלטיס. הינטער דער כאלעווע האט ער געהאט א מעסער. „דו הורן־זון!", האט ער אנגעפאנגען, אבער ניט פארענדיקט. דער סאלטיס האט זיך געריכט אויף אים און זיך צוגעגרייט. זיינע מענטשן זענען אריין אין צימער, אנטוואפנט דעם באפאלער, אים אנגעבראכן די ביינער און ארויסגעווארפן אין דרויסן. איינס איז אים נאר פארבליבן: זיך גוט אויסזידלען שיכורערהייט ביינאכט אין קרטשמע. ער האט געוווסט, אז דאס וואס וועט מען אים דערלויבן און ער האט אויסגענוצט אט די „רעכט" זיינע מיטן פולן מויל.

„אזא שווינערײ, טאקי שווינסטווא!", האט ער געשריען קלאפנדיק מיט דער באהארטער פויסט אויפן טיש" אויסליפערן צו די שקאפעס אן אומבאהאלפן באשעפעניש, א גאט די נשמה שולדיקן זשידאק; מיין מיין זשידעק!", ער האט זיך א הילכיקן זעץ געטאן מיט דער פויסט אין דער ברוסט. „אויסליפערן צו די שקאפעס אן אומבאהאלפן באשעפעניש", האט ער ווידער און ווידער איבערגעחזרט זיין שפרוך מיט עקשנות פון א שיכור", א גילדערנעם מייסטער, וואס האט אויסגענייט פעלצן פאר אלעמען אין דארף, צו דער מאמען דער זונה!—פאר אלעמען, נאר ניט פאר מיר!!"

## אסיסי

איך שטיי בײם ברעג, דא גיט דער בארג א פאל.
און דא ליגט א שטיל קליין בית עולמל.
דא ליגן מאנאכן פון דער פראנציזקאנער שטאט —
געזעסן און געלערנט — און איצט ליגן זיי טויט.

געווען צווישן זיי אויך יידן, מיט לאנגע בערד,
וואס האבן זיך צום סאנקט פראנציס באקערט.
ליגן זיי דא אין דעם בית עולם איצט,
מיט העבראישע פסוקים אויף זייערע מצבות אויסגעקריצט.

ווער ווייס וועלכער רב איז פון געטא געקומען,
און האט דא געלאזן א שם פון א לערנער, א פרומען,
ער איז געזעסן און האט געלערנט דעם נייעם דת.
ווען ער איז געבוירן געווארן אין דער יידן־גאס,
איז אים באלד געווען באשערט,
אז בײם טויט וועט ער ליגן דא אין דער ערד.

וואס איז איצט דער חילוק וואס אים האט באוויגן,
צי ס׳האט אים דער מוח צי דאס הארץ געצויגן ?
איצט ליגט ער דא רויק, רוט זיך אויס.
אבער וואס קומט פון זיין רוען ארויס,
אז ער וועט ניט אויפשטיין אמאל אנ׳אויסגערוטער ?

עס מוז זיין א כוח, אז ס׳בלייבט ליגן א טויטער,
עס מוז זיין א ווילן, אפילו צו פוילן.
אזוי ווי דער בארג שטייט, אויך נאר מיט זיין ווילן,
ווי רייפער קארן שניידט אונז דער טויט.
און פון דעם געשניטענעם קארן עסען מיר ברויט.

י. ריכטיגער

## דער אידעאל פון תורת משה

דער אידעאל פון תורת משה איז, די ציוויליזאציע פון קולטור מענטש— פון מענטש וואס פארשטייט צו אונטערשיידן צווישן גוט און שלעכט, אבער ער ווערט פארפירט פון טעארעטישע אילוזיעס. די ציוויליזאטארישע כוונה פון תורת משה ווייזט זית ארויס פון דעם, וואס זי האט פארצייכענט פאלקלאריסטישע מעשהלעך וועגן סוף פון דעגענארירטע קולטורן. ווי למשל— די קולטור פון דור המבול וואס, אנטוויקלענדיק זיך אין איינשטימיקייט מיט דער טעאריע פון אומבאגרעניצטער פרייהייט, האט געפירט צו דער פארטיליקונג פון כמעט אלע דעמאלטיקע מענטשנקינדער, אדער די קולטור פון דור המבול וואס, אנטוויקלענדיק זיך אין איינשטימיקייט מיט דער טעאריע



פון טאטאלער באצווינגונג, האט צעשפליטערט די דעמאלטיקע געזעלשאפטלעכע צוזאמענלעבונג.

מען איז בארעכטיקט אנצונעמען אז דעם געדאנק, פון א ציוויליזירטע קולטור און אן אומציוויליזירטע קולטור, זאל רבי עקיבא האבן מחדש געווען: ער האט קאמענטירט די פאלקלאריסטישע דערציילונג וועגן אדם און חוה אזוי, —„הן האדם היה כאחד ממנו לדעת טוב ורע״—נאכן פארשטיין צו אונטערשיידן צווישן גוט און שלעכט איז דער מענטש פעיק געווען צו פאלגן איינעם פון די צוויי וועגן, דעם וועג פון לעבן אדער דעם וועג פון טויט. (בראשית רבה פכ״א־ה׳) דאס הייסט: צו אנטוויקלען א ציוויליזירטע קולטור, ווי דער דור המבול און דור הפלגה וואס פארגייט און צעפאלט.

לויט תורת משה זאל דער ערשטער אטריבוט פון דער ציוויליזאציע אידיי האבן געווען אן אויפטו אדער קאנצעפציע פון מענטשנמין. תורת משה דערקלערט—„ויהיו שניהם ערומים האדם ואשתו ולא יתבששו״: ביידע, אדם און זיין ווייב, זענען געווען נאקיט, ווי אלע אנדערע בעלי חי, און זיך ניט געשעמט. (בראשית ב׳) אבער ווי נאר זיי האבן אנגעהויבן צו אונטערשיידן צווישן גוט און שלעכט, „ותפקחנה עיני שניהם וידעו כי עירמים הם״: זענען אפן געגאנגען די אוגן פון ביידע און דערזעענדיק זייער נאקיטקייט. „ויתפרו עלי תאנה ויעשו להם חגרת״: האבן זיי צונויפגעהאפטן פייגנבלעטער און געמאכט פאר זיך גארטלען, (בראשית ג׳) צו באדעקן זייערע געשלעכטס־ארגאנען.

אמת! די ביבל קריטיקער האלטן אז די פאלקלאריסטישע געשיכטע, פארצייכנט אין תורת משה וועגן אדם און חוה, איז א דיכטערישע, ניט א היסטארישע געשעעניש. אבער מען מוז מודה זיין, אז דאס, וואס אלע ראסן און פעלקער איבער דער גאנצער וועלט באדעקן זייערע געשלעכטס־ארגאנען, איז ניט געווארן איינגעפירט צוליב קלימאטישע באדינגונגען, נאר דער מאטיוו איז געווען א ציוויליזאטארישער.—ווען דאס ערשטע מענטשנפארל איז געווארן באוווסטזיניק פון דער נאקיטקייט האבן זיי באדעקט זייערע געשלעכטס־ארגאנען, כדי צו אונטערשיידן זיך פון די אנדערע מינים בעלי חי. און דעם צייכן פון ציוויליזאציע האבן אלע מענטשנקינדער—די אפשטאמלינגען פון ערשטן מענטשנפארל—איבערגענומען.

אבער שוין אין די אור אלטע־צייטן זענען „נפילים״: אפפאליקע—א טייל סאציאלע דענקער—געווען קעגן דעם מנהג. לויט זייער טעאריע האט מען מיט דער באדעקונג געוואלט צוימען די גלוסטונג פון סעקסועלן לעבן, וואס איז א ספעציעלער געשענק פון דער נאטור צום מענטשנמין. זיי האבן באהויפטעט, אז די פריערדיקע דורות האבן איינגעפירט דעם מנהג, כדי די „בני האלהים״: די לארדן אדער אריסטאקראטישע זין זאלן ניט זען די רייצנדיקע נאקיטקייט פון די בנות האדם״: פון די געווענלעכע מענטשנקינדער און פארליבן זיך אין זיי.

די יוגענט האט אנגענומען די טעאריע און אראפגעווארפן פון זיך דעם

עמבלעם פון מאראל, וואס האט געפירט צו דעם אויפקום פון דעגענארירטן דור המבול. די אויסטייטשער פון תורת משה האבן געשילדערט א סענסועלע פארשטעלונג פון דער דעמאלטיקער פארדארבנקייט,—פערפומירטע, געשמינקטע און נאקיטע האבן זיך פרויען איבערגעגעבן אין דער עפנטלעכקייט, אזוי ווי חיות, צו יעדן באגעריקן, ביז די גוטע צוזאמען מיט די שלעכטע זענען פארפלייצט געווארן פון אנשטעקנדיקע קראנקייטן, וואס האט כמעט דעם גאנצן דור אפגעמעקט פון דער ערד. (תרגום יונתן בראשית ו׳, בראשית רבה פכ״ו־י״).

אחוץ די מאראלישע קאנצעפציע פון ציוויליזאציע איז פאראן נאך אן אנדערע קאנצעפציע פון ציוויליזאציע, די צווייטע קאנצעפציע איז גוטהארציקייט. די אטריבוציע פון גוטהארציקייט, אדער עטיק, האבן ניט די מענטשנקינדער געשאפן, ווי די פון מאראל, נאר זי איז אן ארויסקום פון קרובים־שאפט אינסטינקט—פון מוטער ליבע צו קינדער און צוגעבינדנקייט פון יעדן בעלי חי צו זיין מין, וואס די נאטור האט איינגעפלאנצט אין יעדן לעבעדיקן באשעפעניש. ווי דער תהלים פאעט זאגט—„עולם חסד יבנה״: די וועלט איז געבויעט אויף גוטהארציקייט—אויף עטיק. (תהלים פ״ט).

די חכמי התלמוד זענען ניט איניק צווישן זיך וועגן כאראקטער פון דער גוטהארציקייט,—צי איר מקור איז ליבשאפט אדער ברודערשאפט? רבי עקיבא האלט, אז דער הויפט כלל אין דער תורה איז—„ואהבת לרעך כמוך״: זאלסט ליב האבן דיין פריינד ווי זיך זעלבסט, און בן עזאי האלט—„זה ספר תולדות אדם״: דאס ביאגראפיע בוך פון מענטשנמין, וואס זאגט עדות אויף ברודערשאפט, איז א וויכטיקערער כלל אין דער תורה. (ספרא ויקרא י״ט, ירושלמי נדרים פ״ט הי״ב) דער חילוק צווישן דעם כלל פון רבי עקיבא און דעם כלל פון בן עזאי איז באמת, וואס לויט רבי עקיבא דארף מען נאר זיין גוטהארציק און נאענטע—צו יידן אדער ניט־יידן וואס וווינען אין יידישן לאנד, און לויט בן עזאי דארף מען ארויסווייזן גוטהארציקייט אפילו צו וולד־פרעמדע.

פאקטיש זאגט תורת משה—„לא תקם ולא תטר את בני עמך ואהבת לרעך כמוך״: זאלסט ניט נקמה נעמען און ניט אנהאלטן פיינדשאפט צו די קינדער פון דיין פאלק, נייערט דו זאלסט ליב האבן דיין פריינד ווי זיך זעלבסט, וואס—ווי מען זעט—מיינט אליין יידן. און זעקסענפירציק מאל האט תורת משה געווארענט מען זאל גוטהארציק זיין צום גר, וואס וווינט אין יידישן לאנד—ניט אנלאקן אים און זיכער ניט צווינגען אים אנצונעמען דעם יידישן דענקן אדער לעבנסשטייגער, ווייל גרים: פרעמד־גלויביקע זענען די בני ישראל געווען אין מצרים, ווו מען האט זיי פיינד געהאט וועגן דעם וואס זיי האבן ניט פארלאזט זייער דענקן און לעבנסשטייגער. (שמות א׳, ויקרא י״ט, בבא מציעא נ״ט).

בן עזאי, אבער, האט געלערנט פון מענטשס ביאגראפיע בוך, אז אלע מענטשנקינדער זענען ברידער, ווייל זיי שטאמען פון איין טאטע־מאמע. (ירושלמי סנהדרין פ״ד ה״ט) דעריבער איז געווען זיין מאטא—„אל תהי בז



לכל אדם״: זאלסט ניט זיין סארקאסטיש צו קיין מענטש, ווייל ניט פאראן א מענטש וואס האט ניט א מזלדיקע שעה, וועט ער נקמה נעמען. און זאלסט ניט באצווינגען אן אנדערנס דענקן אדער לעבנסשטייגער, ווייל ניט פאראן א זאך וואס האט ניט ערגיץ אן ארט. (פרקי אבות פ׳ ד׳־ג׳) וועלן די אנהענגער פון דעם אנדערנס דענקן אדער לעבנסשטייגער דיך באצווינגען.

די אנווייזונג געפינט מען שוין אין דעם פאלקלאריסטישן מעשהלע וועגן קין און הבל. קין איז בייז געווארן אויף זיין ברודער הבל, ווייל דער קרבנות קולט פון הבל האט אויסגעזען צו זיין אנגענעמלעכער ווי זיינער, האט אים דער אלמעכטיקער געפרעגט—„הלוא אם תטיב שאת ואם לא תיטיב לפתח חטאת רבץ״: ווייסטו דען ניט, אז דו וועסט זיין גוטהארציק וועט איר זיך פארטראגן—לעבן באנאנד אייביק אין שלום, און אז דו וועסט ניט זיין גוטהארציק וועט פארדארב הויערן ביי דער טיר—בלוטיקע קאנפליקטן וועלן דיך אפווארטן אויף דיין לעבנס וועג. (בראשית ג׳).

די ווארענונג—ווי עס זעט אויס— איז ניט ארייַנגעדרונגען אין די מוחות פון די מענטשנקינדער, עטלעכע דורות שפעטער, נאכן אונטערגאנג פון דור המבול וועגן פארווירקלעכן די טעאריע פון אומבאגרעניצטער פרייהייט, זענען די סאציאלע דענקער געקומען מיט א ניי עקסטרעמע טעאריע פון טאטאלער באצווינגונג. זיי האבן געזען דעם אנהייב פון פאלקיזם: משפחות זענען צעוואקסן אין פעלקער און אפגעשלאסן זיך אין לענדער, די אלגעמיינע שפראך האט זיך צעגלידערט אין דיאלעקטן און דער אנגענומענער קאדעקס איז פארשידנארטיק געווארן אויסגעטייטשט.

באזארגט וועגן די קאנפליקטן וואס די צעשפליטערונג פון מענטשנמין וועט ברענגען מיט זיך, איז זיי איינגעפאלן אויפצומויערן א „בבל״—א קולטור שטאדט מיט א הויכן טורם ביזן הימל, וואס זאל אנטהאלטן אייביקן שלום מיט ארויפצווינגען די אריגינעלע שפראך מיט דעם איינהייטלעכן קאדעקס אויף די, איבער דער גאנצער ערד, צעשפרייטע מענטשנקינדער. דער סוף פון דער טאטאלער באצווינגונג איז אבער געווען, מער וואריאטעט פון דיאלעקטן און זיטן ביז איינער האט לגמרי ניט פארשטאנען דעם צווייטן, וואס האט געפירט צו שארפערע קאנפליקטן. (בראשית י״א).

זינט דעמאלט ווערן די צוויי טעאריעס, פון אומבאגרעניצטע פרייהייט און טאטאלע באצווינגונג, כסדר איבערגעניצעוועט מיט א פרישער פראזיאלאגיע זיי זאלן אויסזען ווי נייע. די סיבה פון דער איבערחזרונג איז—וואס די דענקער מישן צונויף די אידיי פון ציוויליזאציע מיט דער אידיי פון קולטור, לויט זיי איז יעדער קולטור מענטש ציוויליזירט און יעדער ציוויליזירטער מענטש קולטורעל. אין אמתן האט ציוויליזאציע קיין שום רעלאציע ניט מיט קולטור, די העכסטע קולטור מענטשן קאנען זיין אומציוויליזירט און קולטורלאזע—ציוויליזירט. דער איצטיקער דור, וואס האט איבערגעלעבט די נאצישע ברוטאליטעט און איז אין געראנגעל מיטן באלשעוויסטישן טערור, קאן דערויף עדות זאגן.

(סוף קומענדיקן נומער)

איציק גאלדבערג

## פופציק יאר

(געווידמעט מיין פרוי צו אונזער גאלדענער חתונה־יובל מאי 18־1969)

פופציק יאר זיין צוזאמען,
איך א טאַע, דו א מאמע,
דו א באבע, איך א זיידע,
וואס א גליק איז דאס פארביידע.

גוטע צייטן, שלעכטע צייטן,
טוען אפטמאל זיך פארבייטן,
איינס איז אבער אונז פארבליבן,
זיין צוזאמען, זיך צו ליבען.

דו מיט מיר, איך מיט דיר,
זיינען רייך גאר אן א שיעור;
רייך מיט ליבע, לייד און גליק,
ווען מיר בליקן אויף צוריק.

זאל עס זיין אונז נאך באשערט;
זיין צוזאמען, אומגעשטערט;
נאך געניסן פון לעבנס־פריידן,
ווי א באבע מיט א זיידן . . .

יא, פופציק יאר אוועק פארשווינדעט,
ווי א חלום א האלב יארהונדערט . . .
בילדער שיינע, פליען שוועבן,
פון א יוגענט, פון א לעבן!

ח. י. בענקוויטש

## יום־העצמאות

(פון א רעדע ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס)

דער טאג פון זעלבסטשטענדיקייט, דאס איין און צוואנציקסטע יאר זינט מיר האבן דורך צה״ל געוואונען די מלחמה קעגן די אראבער און געגרינדעט א מלוכה — מדינת ישראל!

איז עס דאך א גרויסער יום־טוב. אבער ביי אונז איז ניט ווי ביי יענע פעלקער, וועלכע זענען אין אונזער צייט געווארן זעלבסטשטענדיק. לאמיר נעמען פוילן, וואס איז געווען אונטער רוסלאנד. דאס פוילישע פאלק אבער איז געבליבן אויף זיין אייגן לאנד און זיין אונטערדריקונג האט ניט געדויערט זער לאנג.

אבער אונז יידן האט מען געטריבן אין גלות אריין, צעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט און יענע, וועלכע זענען פארבליבן אין ארץ־ישראל, האט מען געדריקט, געשטיקט, ניט דערלויבט האלטן זייער אמונה. א געוויסע צייט, אונטער די רוימער, איז זיי אפילו ניט געווען דערלויבט זיך צו געפינען אין ירושלים; דעם נאמען גופא האט מען געוואלט, אז ער זאל פארגעסן ווערן, פארבייטנדיק אים אויף „עליא קאפיטאלינא״. דאס לאנד איז געווארן וויסט און פוסט, אבער יידן איבער דער גאנצער וועלט האבן ניט אויפגעהערט בענקען נאכן הייליקן לאנד, נאך דער הייליקער שטאט ירושלים.

אין משך פון צוויי טויזנט יעריקן גלות האבן יידן פארפאסט אזויפיל תפילות, אזויפיל פיוטים און זמירות אין טויזנטער ספרים מיט א בענקעניש



נאך ארץ־ישראל, נאך ירושלים. דאס גאנצע וועלט־יידנטום האט געווארט אויף א משיח, און קיין משיח מיט בלויזע נסים איז ניט געקומען . . . עס זענען אבער געווען פאלשע משיחים, וועלכע האבן פארפירט דאס פאלק און אנשטאט הילף האבן זיי געברענגט מער צרות אויף אונזער פאלק ווי שבתי צבי, יעקב פראנק און אנדערע.

אפילו אמתע מענטשן האבן זיך געלאזט איינרעדן צו גלויבן אין נסים, ווי דאס איז געווען דער פאל מיט שלמה מולכו און זיינסגלייכן.

אונזער פראקטישע ארבעט האט זיך אנגעהויבן אין די 80קער יארן פון לעצטן יארהונדערט, פון די ביל״ו, אחד העם, נדיב הידוע און שפעטער די חובבי ציון ביז הערצלס פאליטישן ציוניזם, חיים וויצמאן און זאב זשאבא־טינסקי, וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר דעם אידעאל. דאס פאלק האט אנגעהויבן ווידער מאכן פון פארוויסטעטן לאנד אן ארץ זבת חלב ודבש. מען האט אויסגעטריקנט פארעיפושטע פעלדער, פול מיט שמוץ און שלאנגען. מען האט געמוזט בייקומען די אנפאלן פון אראבער און זיך אויך אויסהיטן פון חולאתן.

דער פועל יוצא איז וואס מען האט געשאפן א ניי לעבן, נייע מעגלעכקייטן פאר יידן. מען האט אפילו אויפגעבויט א שטאט אויף א שטח, וואס איז געווען בלויז זאמדיקער באדן און דאס בעת ענגלאנד האט געהאט דאס לאנד אונטער איר ממשלה. אט די שטאט—תל אביב—קען זיך פארגלייכן מיט אלע מאדערנע שטעט אין דער וועלט.

נאך איין און צוואנציק יאר מדינת ישראל לעבט מען דארטן אין א מלחמה־צייט און ווער ס׳האט נאר א יידיש הארץ, אין גלות, לעבט מיט זארג בנוגע דער צוקונפט. אבער נצח־ישראל לא ישקר! גם זו לטובה.

אבער שלום וועט קומען, מוז קומען און זאל קומען!

א. נ. שטענצל

## אין א דושענעם תמוז־טאג

I

אונטערן יאג פון די גומי־רעדער,
ליגט די גאס א פארגאזטע פון בענזין;
אין ראג דאס קרום צעהויקערטע קזשאקל,
קרענקלעך, מיט מיתה־משונה גרין.

וואס האט דא צו זוכן ווארקנדיקע טויב,
אין מארגנטוי פארבלאטיקטן גרויען שטויב?

אויף בלאק־הויז בלוטיקט אויס א זון־אויפגיי,
דער רויב־פויגל פליט אפ — די פלי־מאשין;
פלאטערדיק מיין בליק, א דערשראקענער,
ווו קאן ער זיך ראטעווען וואהין?

ניׅשט מיט שוואלב־געטשוויטש אויף צווייג וואכט אויף דער טאג —
הייזעריק צעבייזערט, קראקעט קאר אויף ראג.

II

אז אונטער ענגען הימל,
א זינג־פויגל פליט נישט פארביי,
הענגט דאס לעבן אזוי גרוי,
צומאל אין ליכטיקן חודש מיי.

אין אזא גאס וואגלט מען ארום,
מיט אפגעהאקטע פליגל און שטום.

נאך א סך ערגער ווערט עס,
אין דושנגע הייסע תמוז־טעג —
ביז אראפ מען דערשלעפט זיך,
צום גרינעם קזשאק דאס שטיקל וועג.

ווי איינגעקארטשעט קורצער קזשאק ווערט —
גאנצן פרילינג קיין טשוויטש נישט געהערט.

III

אז ארויסגעראטעוועט זיך,
פון ווערגנדיקן גאז־געשטאנק,
שאטנדיק דערשלעפט זיך שוין ווו,
אויף ענג־באזעצטע גארטן באנק.

אין קאפ פארזשאווערטער געדאנק,
שרויפט זיך אלט־פארמאטערט און קראנק.

הארך צווישן געצווייג שוואלב־געשוויטש,
גאנצע וועלטן ער איבערקערט !
בלויז געקענט מיך ווו באהאלטן,
כאטש ניין איילן אונטער דער ערד —

אין מיין ליד פארטיפט, קונציק בלויז,
מיט מיין פאלשקייט כ׳באהאלט מיך אויס.

IV

ארום רויז — ארום א פלעמל,
א פלאטערל אין זיין געשוועב:
פליג שוואנענליד זומענדיק זינגט,
טויט צעצאפלט אין שפין־געוועב.

פארוואר איך בין עס אליין,
ווילאנג כ׳אטעם נאך און לעב.



נישט בלויז דעם האניק, אויך דעם גיפט,
טרינקט די בין ווען בלום־קעלך צעבליט;
א דערשראקענער טיפ אין גראז,
שטארבנדיקע גריל גרילט איר ליד.

פארוואר איך בין עס אליין,
כ׳לעבן, שוין אזוי טויט מיד.

V

ווען מען פלאנצט איין די פלענצלעך,
די זריעה־קערנער ווען מען פארזייט,
קאן מען דען וויסן דעמאלט,
בלומען בליען, צי דערנער אויפגייט ?

ווייל איז די רויז זי נארט נישט אפ,
ווען פון דארן זי דארט אראפ.

פון די צווייגן, די פלאנצן
די צייטיקע בלומען ווען מען שניידט,
ווער ווייס, צי פאר א טויטן,
צי פאר א כלה צו חופה גייט ?

ווייל דעם טויטן ער נארט נישט אפ,
ווען אין גרוב ער נידערט אראפ.

VI

וואהין נאר מיר גייען,
מ׳קומט אלץ אן אויפן זעלבן ארט;
איינער און אליין וויפיל
געזוויגט זיך און געפארט.

איז וועם לאזן ס׳לעצטע ווארט ?
א געיעג אזא א ספארט !

און ווען מ׳קומט צו דער מעטא,
דער שאטן שוין פריער דארט,
און צוזאם מיט דיר ער פאלט,
ווי יונג און ווי אלט באיארט,

ווי פארפעלטשט און ווי באווארט,
ס׳איז תמיד דאס זאלבע פארט.

VII

האב איך געדזימיעט, האב איך געחלומט ?
ווער ווייסט ווילאנג געזעסן אויף דער באנק ?
האט מיין געדאנק שארף איבערגעריסן,

ס׳פייגעלע וואס זינגט צו זון אונטערגאנג?

מיט לעצטער אוונט־צייטונג לויפט פארביי,
א ייִנגל מיט א יאמערלעך געשריי,

הארך, ווי ס׳כארכלט די גאס א פארגאזטע,
מיט טויזנט אויגן קוקט אויף איר דער בלאק;
די זון ליגט ערגעץ א פארבלוטיקטע —
זיך אראפגעווארפן פון צענטן שטאק.

און ראד און רעדל, אהער און אהין,
דרייט זיך און יאגט די שטאט — א גיליאטין.

VIII

ווי לאנג ער ציט זיך מיין שאטן - -
און ווען איך וועל אין שטוב אריין,
מיך דערשלעפנדיק קוים צוריק,
וועט ער פריער שוין דארטן זיין.

בענזין־געברויז טומלט די גאס,
אין ריר — און חלילה וחס.

ווי דושענע — פון אלע פענסטער,
הילכן ראדיאס — כוואלעס־געוויין;
אין א יאמער ים פון אנגסטן,
פאל איך אין שווערן שלאף אריין.

נישט לבנה־שיין — ס׳בלישטשעט א טרער,
אין חלום נאך ס׳געוויין איך הער.

## זיך ארויסגעפלאנטערט

די כחות ווערן שוואכער, די מעגלעכקייטן שרימפן איין, וויאזוי נאך האפן ארויסצוארבעטן דאס ביסל, וואס זיך דאך פארנומען? עס גייט לגמרי נישט אינם סוביעקטיוו־פערזענלעכן. ס׳איז אן אוממיטלבאר גערעדער פארן ביסל אייגנס, וואס מ׳טראגט אין זיך — געברענגט עס פון ערגעץ און ערגעץ־וואו עס דערטראגן.

כאטש געוואלט נאך ענדיקן דעם צווייטן טייל „געראנגל“, צופירן כאטש צום יאר 1924. די זעקס חדשים אין לייפציג, וואו ס׳זענען דערשינען מיינע ערשטע דריי ביכלעך — מיך דערגראבלט מיט מיין ביסל לידלעך ווי א הונט, וואס ראטעוועט זיינע אויסגעטראגענע הינטלעך אין א פינסטערן קעלער וואו.

אמת, נישט ביי יעדן „ויסעו ויחנו“ מוז מען זיך אפשטעלן — שרייבן אויטאביאגראפיש איז ווי דרייען א פילם פון א נאוועלע: קאן מען דען יעדן מאמענט ארויסהויבן, יעדעס בלעטל באלויכטן; מען סקיצירט און מ׳ווארפט



אויף א טייל דאס ראמפן־ליכט און ס׳באקומט זיך א גאנצקייט — מ׳מוז ארויסארבעטן פון צען ווארשיינלעכקייטן איין ווארהאפטיקייט. אין דעם גייט עס דאך.

I

ווען כ׳בין צוריקגעקומען א נישט־דערפארענער, א פארמוטשעטער פונם פרעמדן, אומהיימלעך־געמיטלעכן האנאווער צו דעם מיר דאך שוין אביסל שטורמיש־היימלעכן בערלין, איז שוין געווען פארנאכט. איז וואו לאזט מען זיך? בין איך אראפ צו די וויעוויארקעס אין קעלער אריין. דא פרעגט מען נישט כיטרע־רחמנותדיק „וואו ביסטו געווען, וואס האסטו געטון, קוק דיך נאר אן ווי דו זעסט אויס“. דא אין דעם אנגערויכערטן קעלער־שטיבל שפילט מען אן אפענע קארט . . . דאס איז נאך וועווטשע, דער אלטער חבר פון דער היים, פונם טשענסטאכאווער בית־מדרש, דא צענעמט גיטעלע דאס הארץ מיט אירע יידישע לידלעך זי וועט דיך שוין אנקארמען מיט אירע באטעמטע ארבעס־זופן. און וועווטשע, מיט זיין היימיש־סקעפטישן שמייכעלע, וועט דיך שוין ברענגען צוריק צו דיר . . .

כ׳קום אראפ אין קעלער, איז ער ליידיק; אלץ איז ארויסגענומען, ס׳גאנצע ביסל ארעמע בעבעכעס. נאר איין „מעבל־שטיק“ איז געבליבן שטיין — דער „פאטערשטול“ מיט די ארויסגעזעצטע ספרענזשינעס־ביעדרעס. אפנים אויף דער שברי־כלי איז שוין, אפילו אין די ארעמע געסלעך דא ארום, אויך נישט געווען קיין בעלן.

אדער האבן זיי אים געלאזט שטיין, וויסנדיק, אז כ׳וועל מסתם צוריקקומען, זאל איך האבן וואו דעם קאפ אנידערצולייגן?. . .

כ׳בין אריינגעפאלן אין אים א געהרגעטער. מיך איינגעמאסטעט אין דעם ארויסשטארטשענדיקן פערדהאר און אין די עלאסטיש־פארזשאווערטע ספרענזשינעס — מיינע אויסגעדארטע ביעדרעס האבן זיך אריינגעפאסט.

. . . יא, וועווטשע שפייט שמייכלדיקע מונדשטיקלעך, נישט אויף דער ליימענער פאדלאגע, נאר דירעקט אינם איבערגייענדיקן טעלער ארבעס־זופ, ווי ער וואלט זיך געצילט מיט א שפיי אויפן גאנצן ביסל לעבן!

ווען איך האב אויפגעכאפט, איז שוין געווען מסתם דרויסן העלער טאג — דער שיך־געגיי פארן פארשטויבטן קעלער־פענסטערל איז שוין געווען אין רעכטן גאנג.

איך האב מיך אויסגעניכטערט א פריילעכער, א צופרידענער. איז עס געווען דער חלום, איז עס געווען וואס איך בין צוריק אין בערלין? קודם האב איך א טאפ געטון ביי דער בוזעם־טאש ווי איינער, וואס וויל זיך איבערצייגן צי דער פולער טייסטער איז נאך דא . . .

יא, די לידלעך זענען דא און נאך מיט א שפאר ביסל מערער. צוויי פון יענע לידלעך, טאקע געשריבענע אין האנאווער, זענען אפגעדרוקט געווארן אינם „מילגרוים“.

אבער דאך וואוהין לאזט מען זיך? די בוזעם־טאש איז טאקע א פול

געשטאפטע און כ'וועל זי נישט אויסטוישן פארן דיקסטן טייסטער, אבער אין דער קעשענע איז פארט קיין פעניג נישטא — די פריילעכקייט אין מיר הערט דאך נישט אויף!

ס'איז שניט־צייט דרויסן אויף די זוניקע פעלדער און ביים שטעטינער באנהאף, צוויי שריט פון דא, ס'ארבעט פארמיטלונג־ביורא גיט דיר א בילעט און טאשן־געלט פארויס. אויפן וועג דריי איך מיך אריין אין דער אויגוסט־שטראסע הערן ביי שמואלן, ביי מאקסן, וואס איז געשעען מיט די וויעוויארקעס און מיטנעמען א פאר ביכלעך אויפן דארף.

ווי תמיד, געטראפן מאקסן אן איילנדיקן, אבער שוין נישט מער אין דער שוישפיל־שולע, נאר אין דער מאלער־שולע צו גיין. ער מיך דערזעענדיק, מיין שווארץ־אויסגעצערט פנים, מיט מיינע גרויס־ארויסגעשטארטשעטע בלויע אויגן האט מיך אנגעקוקט מעשה מבין: „אורבין, איך האבע עס! גייסט מיט מיט מיר, וועסט זיין אן אויסגעצייכנט מאדעל" און די אייגעלעך האבן אים געשווישטשעט ...

ארטור סעגאל, קליין, קיילעכדיק, באוועגלעך. די רויטע בעקלעך, דער גרויסער, שוין גרוי־ווערנדיקער קינסטלער־קאפ, די קלוגע, גוטע אויגן — א הארמאנישער זעלבסט־פארטרעט, ארויסגענומען פון שפיגל, כאטש נעם און ראם אים איין אין א גאלד־ראמען. ארטור סעגאל, א באקאנטע קינסטלער־פערזענלעכקייט אין בערלין אין יענע יארן.

געקומען נאך מיט א דור פריער פון א רומעניש שטעטל, מיט אסך גלויבן אין זיין ביסל אייגנס. זיין טיכטיקע פרוי, שוין א בערלינערקע, א טאכטער פון שוין אן איינגעזעסענעם קרוב דא, האט געמאכט פון אים דעם פראפעסאר און זיין ביסל אייגנס איז דערטרונקען געווארן אין א סך פרעמדס — ער האט „געארבעט" אין אלע זשאנערן, אפילו מחדש געווען אייגענע טעאריעס: „דער בליק־פונקט", „פונקטואציאן". זיין טעכניק איז געווארן א נאמען: „ארטור סעגאלס מאלער־שולע".

האט ער זיך אנגעטראפן מיט אונז, מיט דעם דור שפעטער־געקומענעם, מיט אונז יונגע, פון די יידישע היימישע שטעטלעך. איז „פאפא סעגאל" ווידער געווארן א „יינגל", געשטראלט און ווידער זיך גענומען אליין צום פינזל — מיט יוגנטלעכע כחות.

מאקסנס אידייע איז אים זער געפעלן און אחוץ מיין געהאלט, קאן איך אין די נעכט שוין בלייבן אין אטעליע, אויב פרוילײן בארטש וועט מסכים זיין, ווייל איר אטעליע און „די שולע" האבן איין קארידאר.

„פרוילײן בארטש" האט מסכים געווען; איר חתן איז נישט אהיימגע־קומען פונם קריג און איר גאנצע לײדנשאפט האט זי אויסגעגאסן אויף די לייוונטן. כדי די נאקעטע טעמעס צו פארגיסן זיי זאלן נישט משוגע־ווילד אראפשרייען, האט זי די צעדרייט־צעקרומטע פענזיל־שטריכן, וואס האבן זיך געקארטשעט אין זייערע ווייען, פארגאסן מיט גאנצע „טובן" רויטער פארב — פרוילײן בארטש האט געמאלן עקספרעסיאניסטיש! זי איז אן שום



ספק געווען א קינסטלער־נאטור, נאר זי גופא איז זיך געשטאנען אין וועג ...

די שולע, אחוץ מאקסן און נאך אפאר יונגע קינסטלער, איז ס'רוב באשטאנען פון אזעלכע פריילײנס ... „פאפא סעגאל" האט פרוידיש־פסיכיש פארשטאנען אריינצוברענגען „ארדענונג" נישט נאר אין זייער מאלעריי, נאר אויך אין זייערע געמיטער.

די פאר שעה, וואס איך בין געזעסן מאדעל, האב איך צייט געהאט זיי צו „בעאבאכטן".

צווישן די גאנצע „געניאלע" חברותא, מיט זייערע עקספרעסיאניסטישע שטיק: רוק—צוק! מיטן פענזל איבער דער לייוונט און א גאס מיט דער „טובע" אויף דער פאלעטע מיט אקער־רויט, וואס האט מיר געשווינדלט אין די אויגן ווי אן אקס דאס רויטע טוך, איז זיך געזעסן א צעוואקסן, שטאלטנע מיידל, מיט שווארצע רענדער אונטער די נאך שווארצערע אויגן און שטיל באדאכט געצייכנט מיט א בליישטיפטל — איר שטילקייט האט מיר גוט געטון! מ'האט געזען, אז מיט יעדן שטריכל, וואס זי טוט, נעמט זי זיך פריש אין די הענט אריין — ס'האט דער מעקער ביי איר מער געארבעט ווי דער בליישטיפט. אונזערע אויגן האבן זיך אפט באגעגנט.

פאר די אלע שילער בין איך געווען א מאדעל, נאר פרוילײן בארטש האט געוואוסט ווער איך בין פונם שמועס מיט „פאפא סעגאל", כדי זי זאל מיר געבן דעם שליסל פונם קארידאר ...

דאס צעוואקסענע, שטאלטנע מיידל מיט די שווארצע רענדער אונטער די אויגן איז געווען א שווייצערין פון סאנט־גאלען, טרודע יעני, מיט א נטיה צו מרה־שחורה און צו צייכענען — דאס געראנגל צווישן די צוויי האט זי שטיל געמאכט, באחנט געמאכט.

זי זעענדיק אזוי, אין איר הארמאנישער שטילקייט, האט זי מיך דערמאנט אין דער מאמען אין אירע „שווערע טעג", ווען זי זיצט ביים פענסטער מיט א טישטוך־צערעלע ...

איינמאל, נאך דער שולע, האב איך זי אפגעווארט. ווען זי איז ארויס־געקומען, האבן אירע גרויסע, שווארצע אויגן געבלאנדזשעט, זיך געדרייט אין די שווארצע, גרויסע רענדער ווי זיי זוכן וועמען. מיך דערזעענדיק, זענען זיי שטיל געווארן — איך האב איר דאס צייכן־ביכל גענומען פון אונטערן ארעם. עס איז געווען פול מיט מיין פארטרעט. ווי א יונג מיידל האט זי פארשעמט אראפגעלאזט די אויגן.

מיר האבן דעם גאנצן נאכמיטאג שפאצירט אין טיער־גארטן, געזעסן אויף דער וועראנדע פון ראמאנישן קאפעע. זי האט דערציילט פון סאנט־גאלען. יעדעס מאל, ווען זי האט דערמאנט דאס ווארט „סאנט־גאלען", האט עס געקלונגען ווי א גלאק: סאנט־גאל־לען. מ'האט ארויסגעהערט איר בענקשאפט נאך דער היים ... זי האט געוואוסט ווער איך בין ... איר חברטע בארטש האט איר פון מיר דערציילט ... איר וואלט באדארפט קענען דאס שטעטל, נאר פאר א פאעט איז עס צוגעפאסט: סאנט־גאל־לען.

ווען כ'בין אהיימגעקומען ביינאכט, באגלייט פון טרודע יעני, האט זיך די טיר פון פרוילײן בארטשס אטעליע נערוועז אן עפן־אויף געגעבן.

דערזעענדיק מיין באַגלייטערין, האָט פּרוויין באַרטש, מיט אַ היסטעריש געשריי, זי פּלינק צוגעקלאַפּט. דאָס געשריי איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געהייל.

איך האָב געלאָזט שטעקן דעם שליסל אין שליסל־לאָך און בין אַראָפּ שנעל פון די טרעפּ מיט מיין באַגלייטערין — דאָס געהייל, ווי אַ שטיל וואָיען, האָט אונז באַגלייט.

ס'האָט לאַנג געדויערט ביז כ'האָב זי באַרואיקט. פון איין קאַפּעע אַרויס אין אַנדערן אַריין ביז מיר זענען זיצן געבליבן ביים טייכל אין טיער־גאָרטן. די לבנה איז אַראָפּ פונם בריקל און זיך גענומען שפּילן אין די שטילע, קוים באַוועגלעכע וועלן און טרודע יעני, אַן האַרמאָניש פּאַרטרוימטע און נאָך בחנטער, האָט שטיל גענומען דערציילן פון איר סאַנט־גאַל־לען. ס'האָט גע־פּלעשטשעט ווי די לבנה אין טייכל: איך מוז לערנען, שטודירן, קענען די קלאַסיקער און אַזאַ שטעטל ווי סאַנט־גאַל־לען איז ממש צוגעפּאַסט דערצו. מ'קאָן נעמען אַ בילעט דאָ אין באַנהאָף־צאָ און מאָרגן זענען מיר אין סנט־גאַל־לען.

ווי טרויעריק־פאַרבענקט, ווי לאַשטשעדיק־ליבלעך דער רעפריין האָט אַריינגעקלונגען אין דער שטילער לבנה־נאַכט: סאַנט־גאַל־לען, סאַנט־גאַל־לען.

עס איז געוואָרן טאָג. די שטאָט האָט אונז אויפגעוועקט מיט איר גערויש. מיר זענען אַרויס ווי אַ יונג, נישט־דערשלאָפן פּאָרל פון טיער־גאָרטן. מיר זענען געגאַנגען צו דער שטאָט צו. אַרבעטער האָבן געשטראָמט צום צוג, צו דער אונטערגרונט־באַן. איך האָב אויך גענומען דערציילן פון מיין „נישט־דערפאָרן" קיין דאָרטמונד אין די קוילן־גרובנס ... פון מיין נישט דערגרייכן פּאַלעסטינע ווי אַ חלוץ ... וועל איך יעצט דערגרייכן?

זי איז אַרויפגעפאַלן אויף מיר מיט אַ געוויין. כ'האָב געפילט איר היסטעריש ציטערן — —

מיר זענען געשטאַנען פאַר אַ „פאַרמיטלונגס ביוראָ פון לאַנד־אַרבעטער". איך האָב אָנגעהויבן צוגיין אין דער ריכטונג. כ'האָב מיך שנעל צוריק אויס־געדרייט, געגעבן איר דעם צייכענונג־בלאָק, וואָס געהאַלטן אונטער מיין אָרעם: „כ'האָב שיער נישט פאַרגעסן. דאָס איז דאָך דיינס". זי איז שטיין געבליבן אַזוי מרה־שחורהדיק שיין און האַרמאַניש־שטיל, אַז אַ ציטער האָט מיך אַרומגענומען.

דאָס מאָל בין איך אַוועקגעפאָרן אויף לאַנד־אַרבעט. כ'גלויב צום לעצטן מאָל, אָבער נישט פון שטעטינער באַנהאָף, נאָר פון לערטער.

—המשך פון קאַפּיטל אין קומענדיקן נומער—

## מזל-טוב

א האַרציקן מזל טוב צו מיין פּלימעניק **נחום** און זיין פרוי **מרתא שטענצל**, צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **מרים** מיט **ראובן אברהם בעקער** — בשעה מוצלחת!

**א. נ. שטענצל**

**די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס**, נאָך די פיר וואָכן וואַקאַציע, הייבן זיך ווידער אָן דעם 23'סטן אויגוסט.

286

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 8־9 (העפט 3־452) דרייסיקסטע יאָר אויג־סעפּט. 1969, לאָנדאָן

## אינהאַלט:

ראש־השנה תש"ל' החיים והשלום ביד הלשון, „דער הייליקער קריג", שמע ישראל, כל־נדרי־נאַכט אין קאַצק, א.א. ........ 3
דער כוח פון יידישקייט (עסיי) ........ שמואל גאָלדשמידט 10
א תפילה (ליד) ........ שמואל וההייט 13
מיין תפילה, לאָז די ערד מיין קערפּער היילן (לידער) ........ עלאָ זילבערג 13
א געהיימע פייערונג אין וואַרשעווער געטאָ ........ מיכאל זילבערבערג 14
שבת־זייד (ליד) ........ דוד אַפּאַלאָוו 17
זיך אַרויסגעפּלאָנטערט, א שיר־המעלותל פאַפורי (פּראָזע און פּאָעזיע) ........ א. נ. שטענצל 17
באַלעסלאַוו לעסמיאַן ........ יוסף ד. באַסט 27
דער אַלטער טעמפּל אין פּראַג (ליד) ........ עלזאַ לאַסקער־שילער 28
על מות חבר (אויפן פּריצייטיקן טויט פון משה חיים ליכטנשטיין) ........ י. ח. קלינגער 30
יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן (באַריכט) ........ י. פּ. 32
ריישל סאַראַקין ע.ה. (עקראָלאָג) ........ בערנאַרד מענדעלאָוויטש 34
21 יאָר (ליד) ........ אייזיק גאָלדבערג 35
שופר של משיח (מיניאַטור) ........ יאָסל חריף 36

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

(אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט 33 הענריקעס סטר. א.1.—3 אַזייגער)

שבת, דעם 27'סטן סעפּטעמבער — סכות פּראָגראַם; ס'באַטייליקן זיך מיט רעדן ציטירן און זינגען: יעקב ריכטיגער, מאיר באָגדאַנסקי און נעט רובין.

שבת, דעם 4'טן אָקטאָבער — לכבוד שמחת תורה: רעדנער ה. ז. בענקוויטש.

שבת, דעם 11'טן — יעקב ריכטיגער — די סדרה בראשית.

שבת, דעם 18'סטן — מאיר באָגדאַנסקי — פון זיין נסיעה אין ישראל.

שבת, דעם 25'סטן — יעקב ריכטיגער פון זיין נסיעה אין ישראל. עלאָ זילבער וועט לייענען אירע ישראל־לידער.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*